STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03311

IDISHER KONGRES IN AMERIKA

Nachman Syrkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. נ. סירקין

אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקאַ

ארויסגעגעבען פון

אידיש-נאַציאָנאַלען אַרבייטער פערבאנד פון אַמעריקאַ

יולי 1915

47

פאָרוואָרט.

דיא פראגע פון א אידישען קאָנגרעס אין אמעריקא, איז היינט צו טאָג די ברענענדסטע אין דער אידישער גאס, און האָט ארומגענומען אלע שיכטען פון אמעריקאנער יודענטהום. עס פערשטעהט זיך אז יעדער קלאס, האָט זיך זיין מיינונג און זיין שטאנדפונקט בנוגע דער פראגע. אויך דער „פערבאַנד“ האָט א געוויסע שטעלונג צו דיעזער פראגע און האָט זי ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען ארויסגעזאָגט אין דער עפענטליכקייט.

דיעזען ביכעל גיבען מיר ניט ארויס אלס פראָגראם־ערקלערונג פון „פערבאַנד“ וועגען דער קאָנגרעס־פראַגע, נאָר אלס א טיכטיגע בעלייכטונג.

איד. נאַצ. אָרב. פערבאַנד.

1.

עס איז בעקאנט דיא אלטע טרויעריגע מעשה מיט יענעם מאן, וועלכער האט פעררוקט דאס דאך פון זיין הויז אין א רעגענדיגען טאג. אויף דיא פראגע, פאר וואס ער ארבייט ארום זיין דאך אונטער א רעגען, האט ער געענטפערט, דאס ביי זונענשיין דארף ער דאך האט דאך בכלל ניט פארריכטען. אין דער לאגע פון יענעם אונגליקליכען מאן געפינט זיך דאס אידישע פאלק, וועלכעס האט זיך ניט ארגאניזירט אין רוהיגערע צייטען, זאלאנג דיא ביטערע לעבענסנויט האט איהם דערצו ניט געטריעבען, און וועלכעס עס קומט אויס צו זאמלען און ארגאניזירען זיינע קרעפטען אין שטורם און פייער.

דיא דרייצעהן מיליאן אידען האבען זיך שוין לאנג גענויטיגט ארגאניזירען און בעשאפען א אידישע פאלקס-פערטרעטונג, א אידישען קאנגרעס, וועלכער זאל זיין דער אמת'ער פארשטעהער פון פאלק, זאל רעדען און האנדלען אין זיין נאמען, זאל בעשיצען און פערבעסערן זיין געגענווארט און דורכפיהרען דיא בעפרייאונג פון דעם אידישען גלות-פאלק. זייט צעהן יאהר געהט דערפאר אויך אן אין דער אידישער עפענטליכקייט א דיסקוסיאן וועגען דער צונויפרופונג פון א אידישען אלוועלטליכען קאנגרעס, אבער ערשט אין דער איצטיגער קריעגס - קאטאסטראפע, בשעת דער וועלט - שטורם מאכט חרב דעם גאנצען אידישען גלות און דאס אידישע פאלק פארבלוטיגט פון אלע זיינע אברים, האט מען אנגעהויבען פערשטעהן, ווי ווייט דיא טיעפע געפאלענקייט פון דעם אידישען פאלק נעהמט זיך פון זיין נאציאנאלער פאנאנדערגעפאלענקייט. אין שטורם און פייער קומט אונז אויס צו בויען דעם בנין פון אונזער פאלק, און בשעת יעדעס אנדער פאלק שטעהט פעסט געאייניגט און ארגאניזירט אין קאמפף פאר זיין פרייהייט און אונאבהענגיגקייט, מוזען מיר אידען ערשט לעגען דיא גרונדשטיינער פאר אונזער נאציאנאלע ארגאניזאציאן.

די וועלט־מלחמה האָט ארויסגעשטעלט די היסטאָרישע נויט, די הילפלאזיגקייט און צופאלעגקייט פון דעם אידישען גלות־פאלק אויף א טראגישען אופן. אזוי ווי די גאנצע אידישע ליידענסגעשיכטע פאר די צוויי טויזענד יאָהר פון גלות וואלט זיך נאָך אמאָל איבערגע׳חזר׳ט און אבגעשפיגעלט פאר דאָס לעצטע יאָהר. די צעהן מיליאָנען אידען פון אייראפא און דער אזיאטישער טערקיי זיינען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין דעם שטורם וועלט־קריעג, וועלכער איז פאר זיי געוואָרען א בלוטיגער ברודער־קריעג, וואָס זיין שרעק איז אזוי גרויס וויא זיין שאנדע. די מיליאָנען אידען פון רוסלאנד צוזאמען מיט די אידען פון ענגלאנד, פראנקרייך, בעלגיען, סערביען, איטאליען זיינען אין מלחמה־צושטאנד געגען די מיליאנען אידען פון עסטרייך, דייטשלאנד, טערקיי, און הונדערט טויזענדע פון זייערע זיהן שטעהען אויף דעם שלאכט פעלד איינע געגען די אנדערע.

„דער איד האָט ניט קיין פאטערלאנד, נאָר אלע איבריגע אידען זיינען דאס פאטערלאנד פון יעדען איינצעלנעם איד", — איז א בעקאנטעס וואָרט מכח די שטעלונג פון די אידען צווישען די פעלקער; און דאָך שטעהען אידען אונטער די פאהנען פון זייערע פערשיעדענע פאטערלענדער און פארגיעסען זייער בלוט אויף אלע שלאכטפעלדער. ניט צוליעב זייער פאלק און זיין צוקונפט פארבלוטיגען זיי אויף די פערשיעדענע שלאכטפעלדער, נאָר זיי טראגען די וואפען פאר דעם זיעג פון לענדער און פעלקער, וועלכע האָבען געטריבען ביי זיי זייערע מענשען־רעכט, זייער פרייהייט און זייער כבוד. זיי קעמפפען ניט פאר א בעסערע צוקונפט פאר זייער אייגענעם פאָלק, נאָר פארקערט אויף דעם הימעל פון דער אידישער צוקונפט קלייבען זיך אויף נאָר גרויע און פינסטערע וואָלקענס. דערווייל האָט שוין דער בלוטיגער קריעג אויסגעטיליגט הונדערט טויזענדע מענשען, חרב געמאכט טויזענדע קהלות, פעראָרעמט מיליאָנען פון אידען. אין טראגישער פערצווייפלונג שטעהט דאס פארבלוטיגטע אידישע פאָלק אין דעם מלחמה־שטורם אָהן נאציאָנאלע ליידענשאפט אין הארצען, אָהן א נאציאָנאלע האָפנונג פאר

זיין צוקונפט, מיט הילפלאָזע גלייכגילטיגקייט אין דעם גרויסען פעלקער־קאמפף, אָהן וועלכע עס איז אָרגאניזאציאָן און פערטרע־טונג, אָהן א ווילען און אָהן פאָדערונגען, נאָר אן אונגליקליכער קרבן אויף דעם בלוטיגען מזבח פון דער וועלטגעשיכטע.

פון אלע קלאסען און פארטייען פון אידישען פאָלק האָט אָבער דיא לעצטע צייט אָנגעהויבען צו קלינגען א קול פאר א אידישע נאציאָנאלע טהאט, א קול פאר פערייניגונג, פאר א אידישע פאלקס־אָרגאניזאציאָן, פאר דיא צונויפרופונג פון א אידישען קאָנגרעס. דיא אידישע עפענטליכע מיינונג, דיא פרעסע, דיא פערשיעדענע אָרגאניזאציאָנען, פון דיא קאָנסערוואטיווע ביז צו דיא ראדיקאלע און נאציאָנאל־סאציאליסטישע האָבען זיך אויפגעהוי־בען צו דעם ווילען צונויפצורופען א אידישען קאנגרעס וועלכער זאָל לעגען דעם יסוד צו א אידישער פאלקס־אָרגאניזאציאָן. דער־ווייל ווערט גערעדט, פערשטעהט זיך, נאָר פון א אידישער פאָלקס־אָרגאניזאציאָן און א אידישען קאָנגרעס אין אמעריקא, אָבער עס פערשטעהט זיך ניט וויניגער, דאָס דיעזער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא איז נאָר דיא פארבערייטונג צו אן אלוועלטליכען אי־דישען קאָנגרעס, וועלכער זאָל ווערען א דויערנדע אידישע פאלקס־פערטרעטונג צוליעב אלע צייטווייליגע נויטען און היסטאָרישע ציעלען פון אידישען פאָלק, צוליעב דער ווידערגעבורט פון דער אידישער נאציאָן.

אויף דאס אמעריקאנער יודענטום, וועלכעס געפינט זיך יעצט אין א גליקליכערער לאגע, איידער דיא איבריגע אידען פון דער וועלט, פאלט יעצט דער הייליגער חוב און דער היסטאָרישער כבוד, צו בעשאפען א נייע טהאט אין דעם אידישען לעבען און צו שרייבען א גרויסען קאפיטעל אין דעם בוך פון בלוט און טרערען פון דער אידישער געשיכטע. דאס אמעריקאנער יודענטום מוז צונויפרופען דעם ערשטען אידישען קאנגרעס, וועלכער וועט בע־קומען אין דער אידישער געשיכטע דיא בעדייטונג פון א אידישער קאָנסטיטואירענדער נאציאנאל־פערזאמלונג. דיעזער אמעריקאניש־אידישער קאָנגרעס וועט האָבען דריי היסטאָרישע אויפגאבען פאר

זיך. ער וועט מוזען פראקלאמירען דיא פאדערונגען פון דעם אידישען פאָלק פאר דער גאנצער מענשהייט, ער וועט לעגען דעם יסוד פאר דיא אלוועלטליכע אָרגאניזאציאָן פון דעם גאנצען אידישען פאָלק, און ער וועט מוזען בעשאפען א פינאנץ־אינסטיטוט פאר אלע נויטען פון אידישען פאָלק.

מיט דער וועלט־מלחמה פערענדיגט זיך איין קאפיטעל פון דער וועלט־געשיכטע און עס וועט זיך אָנהויבען א נייע צייט אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. כדי עס זאָל בעשאפען ווערען א דויערנדער פריעדען און דיא געפאהר פון מלחמה זאָל בכלל פערשווינדען, מוזען דיא לענדער פון אייראפא איבערגעבויט ווערען אויף דעם פרינציפ פון פרייע נאציאָנאלע דעמאָקראטיען. דיא אידעע פון דעמאָקראטיע און פרייער נאציאָנאליטעט מוזען טריאומפירען אין דער וועלט, אויב דיא מענשהייט זאָל בעפרייט ווערען פון די שרעקען פון קריעג, און איהרע לעבענסקרעפטען זאָלען ניט פערניכטעט ווערען אין אייביגען פעלקער־מאָרד. נאָך דער מלחמה וואקסען ארויס מעגליכקייטען פאר א פרייעס פוילען, א פערגרעסערטעס איטאליען, א פארשטארקטעס סערביען, דיא פעלקער פון עסטרייך וועלען דארפען זעלבסט בעשטימען זייער נאציאָנאלען שיקזאל. אין רוסלאנד קענען די קליינרוסען, דיא ליטאָווצינס אָנהויבען א מעכטיגע נאציאָנאלע בעוועגונג, אין ווייטען אזיען קען זיך אויפהויבען א בעפרייטעס ארמעניען. דיא לאנדקארטע וועט מוזען געענדערט ווערען, און א נייער גייסט פון דעמאָקראטיע און בעפרייאונג מוז אָנהויבען שוועבען אין דער וועלט.

אזוי ווי אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאָן האָט דאס אויפגערודערטע געוויסען פון דער צייט ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו דער אידישער נויט און האָט געגעבען אידען גערעכטיגקייט, אזוי וועט דיא אויפוואכענדע דעמאָקראטיע פון דער וועלט נאָך דער מלחמה בעשאפען דעם גרויסען היסטאָרישען מאָמענט פאר דיא לעזונג פון דער אידישער פראגע.

פון אידען הענגט עס יעצט אב, ווי ווייט און ווי ערנסט דער אינ־טערנאציאָנאלער פריעדענס־קאָנגרעס וועט זיך בעשעפטיגען מיט דער לאגע פון אידען אין דער וועלט און מיט דער אידישער נאציאָן, פון וועלכער דיא געשיכטע פון דער מענשליכער גוואלט־טעטיג־קייט האָט גערויבט דיא פרייהייט און דיא נאציאָנאלע זעלבסט־שטענדיגקייט. אויף דעם אינטערנאציאָנאלען פריעדענס־קאָנגרעס וועט מוזען קומען צו פערהאנדלונג אויך די אידישע פראבלעם. דיא רעכטליכע לאגע פון אידען אין דיא מזרח־אייראפּעאישע לענ־דער און דאס רעכט פון דעם אידישען פאָלק אויף א אידישע היים אין ארץ ישראל, דיעזע צוויי צווייגען פון דעם פּאָליטישען אידישען פּראָבלעם קענען אויף דעם פריעדענס־קאָנגרעס אויפגענומען ווע־רען. דאָס הענגט אָבער אָב קודם כל פון דעם אָרגאניזירטען ווי־לען פון דעם אידישען פאָלק זעלבסט.

נאָך דעם אבשלוס פון דעם קריעג וועט מוזען דיא רעכטליכע לאגע פון אידען און דאס פּראָבלעם פון דער אידישער נאציאָן קומען צו פערהאנדלונג אויך אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטי־שען קאָנגרעס. דער אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאריאט, וועלכער שטעהט יעצט אויף דיא שלאכטפעלדער אין בלוטיגען ברודער־קריעג, וועט זיך מוזען ווידער פעראייניגען, שטארקער אין פּאָלי־טישער מאכט און רייכער מיט בלוטיגע היסטאָרישע ערפאהרונגען. ווי דיא סאָציאליסטען אין אלע לענדער זיינען יעצט ניט צוריסען און צושפּאלטען אין זייער האלטונג און זייער בעאורטיילונג פון דער מלחמה, מוזען זיי דאָך באלד ארויסטרעטען אויף דעם וועג פון איינהייטליכקייט צוליעב דעם ציעל פון סאציאלער רעוואָלו־ציאָן. דער נייער אינטערנאציאָנאל קען נאָך ווערען א שטארקע־רער פאקטאר אין דעם גאנג פון דער געשיכטע, איידער דער אינ־טערנאציאָנאל פאר דער מלחמה. דער ערשטער נייער שריט פון דעם אינטערנאציאנאל וועט מוזען זיין דיא שטעלונג צו אלע נאציאָנאלע פּראבלעמען אין דער וועלט און דיא פּראקלאמירונג און דיא פערטיידיגונג פון דעם פּרינציפּ פון נאציאָנאלער פרייהייט און טעריטאָריאלער זעלבסטשטענדיגקייט פון אלע פעלקער. אויף

דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס קען אויך ווע־רען אן עפענטליכע טריבונע פאר דאָס אונטערדריקטע אידישע פאָלק, פאר זיינע נויטען און זיינע האָפנונגען, און דער בעשלוס פון אינטערנאציאָנאל וועט אויך מוזען האָבען א גרויסען כח און א ענטשיידענדען איינפלוס אויף דעם גאנג פון דיא געשעהענישען אין דער צוקונפט.

א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט האָבען אלס זיין אויפגאבע דיא פארמולירונג פון דיא אידישע נויטען, באַגעהרונגען און האָפנונגען הן צו דעם אינטערנאציאָנאלען פריעדענס־קאָנגרעס און הן בנוגע צו דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליסטישען קאָנ־גרעס. דאָס אידישע פאָלק מוז לכתחילה זעלבסט קומען צו א קלאָ־רען בעוואוסטזיין, וואס עס באגעהרט און וויל און אין וועלכען אופן עס וויל בילדען און געשטאלטען זיין צוקונפט. דיעזע פאָדערונגען וועלען דירעקט אָדער אינדירעקט געפינען זייער אויסדרוק אויף דעם פריעדענס־קאָנגרעס אזוי ווי אויף דעם סאָציאַליסטישען אינ־טערנאציאָנאל.

פאר דעם פריעדענס קאָנגרעס וועט אן אמעריקאניש־אידישער קאָנגרעס קענען יעדענפאלס פארברייטען זיינע בעשליסען און פאָ־דערונגען דורך דיא פערמיטלונג פון דער אמעריקאנער דעלעגאציאָן. א קאָנגרעס פון דעם אמעריקאנער יודענטום וואלט געוואָרען א גע־נוג בעדייטענדער פאליטישער און געזעלשאפטליכער פאקטאָר אין אמעריקא גופא, דאס דיא אמעריקאנער רעגיערונג וואלט פערטרע־טען זיינע ווינשען און בעשליסען, אָדער ווייניגסטענס דאס מיני־מום פון זיינע ווינשען און בעשליסען בנוגע צו דער לאגע פון אידען אין דיא מזרח־אייראפעאישע לענדער און בנוגע צו ארץ ישראל. דיא בעשליסען פון א אידיש־אמעריקאנישען קאָנגרעס וואלטען צום ערשטען מאָל אויפגעקלערט דיא עפענטליכע מיינונג פון דער גאנצער וועלט וועגען דיא נויטען און דיא פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק און וואלטען געקענט ווערען אין א בעשטימטען מאָס דער אויסגאנגספונקט פאר דיא דיסקוסיאָן וועגען דער אידישער פראגע אויף דעם פריעדענסקאנגרעס.

אָבער מעהר איידער דער אמעריקאניש־אידישער קאָנגרעס וועט קענען אויסדריקען די וואונשען און האָפנונגען פון דעם אי־ דישען פאלק פאר דעם פריעדענס־קאנגרעס וועלען זיינע בעשליסען האָבען א ווערטה און א בעדייטונג פאר דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאָנאל, וועלכער וועט מוזען נעהמען א גערעכטע און זיכערע שטעלונג צו דער איבעראנדערשונג פון דער אייראפעאישער לאַנדקארטע און וועט פראקלאמירען דעם פרינציפ פון נאציאנאלער פרייהייט און טעריטאָריעלער אונאבהענגיגקייט פון די פעלקער, וועט בעקומען א פיעל גרעסערע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיגען גאנג פון די פּאָליטישע געשעהעניסען, איידער פאר דער מלחמה. די בעשליסען פון אן אמעריקאניש־אידישען קאָנגרעס בנוגע צו דעם אידישען פּראָבלעם וועלען פאר דעם אינטערנאציאָנאל דיענען אלס דער קול פון דעם אונטערדריקטען אידישען פאָלק. אין נאציאָנאלע פראגען האָט די שטימע פון פּראָלעטאריאט נאָר אויף אזוי פיעל ווערטה, אויף ווי פיעל זי איז אין איינקלאנג מיט דעם נאציאָנאַלען באגעהר און דער האָפנונג פון דער נאציאָנאַלער דעמאָקראַטיע, פון די ברייטע פאלקסמאסען. ביי אלע אונטערדריקטע פעלקער איז אויך דאָס נאציאָנאלע פּראגראם פון דעם סאָציאליסטישען פּראָלעטאריאט אן אָבקלאנג פון די נאציאָנאלע שטימונגען, האָפנונגען און פערלאנגען פון דעם ברייטען פאלק. די אונאבהענגיגקייט פון פוילען, די זעלבסטשטענדיגקייט פון ארמעניען, די קולטור־שפּראכליכע אויטאָנאָמיע פון בעהמען, פאר וועלכע עס האָבען זיך איינגעשטעלט די סאציאליסטען פון יענע לענדער, זיינען וואונשען און פערלאנגען, וועלכע שטראָמען פון דעם פולמירענדען הארץ פון יענע פעלקער. נאָר אזא אויפאסונג פון דעם אידישען נאציאנאלען פּראבלעם מצד דעם אידישען פּראָלעטאריאט, וועלכע שטימט איבעריין מיט די וואונשען און האָפנונגען פון ברייטען פאָלק, האָט א אינוועגדיגע בערעכטיגונג און א היסטאָרישען ווערטה. די פאדערונגען פון א דעמאָקראטיש אויסגעקליבענעם אידישען קאָנגרעס אין אמעריקא בנוגע צו דעם אידישען פאָלק וועלען מוזען ווערען די גרונדלאַגע פאר אן ערנסטע נאציאָנאלע פּראגראם פון דעם אידישען סאָציאליזם. נאָר די נאציאָנאלע

ווינשען, וועלכע שטראמען פון דיא מאטעריעלע און גייסטיגע נויטען און דיא היסטאָרישע האָפנונגען פון פאלק און וועלכע וועלען אבקלינגען אין דעם נאציאָנאלען פראגראם פון דעם אידישען פראָלעטאריאט, וועלען קענען האָבען פאר דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאנאל אן אלגעמיינעם ווערטה און היסטאָרישע זיכערקייט. נאָר א זעלכע אמת׳ע און אויפריכטיגע נאציאנאלע פראָגראם פון דעם אידישען פראלעטאריאט וועט אויף דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאנאל ארויפלעגען א חוב בנוגע צו דעם נאציאנאלען שיקזאל פון אידישען פאלק.

א אידישער קאנגרעס אין אמעריקא, וועלכער זאָל צונויפגערופען ווערען אין יעצטיגען קריטישען מאָמענט, וועט בעקומען א גרויסע געזעלשאפטליכע און פאָליטישע בעדייטונג, הן אין דעם אידישען פאָלק גופא, און הן אויף דעם פריעדענס־קאָנגרעס און דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאָנאָל. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון גלות וועט דאס גאנצע אידישע פאָלק זיך אָנהויבען צו ארגאניזירען, וועט ארויסטראגען זיין אורטייל מכח זיך זעלבסט, וועט בעקלערען זיינע נויטען, וועט פארמולירען זיינע ווינשען און האָפנונגען, און וועט דערהויבען זיין אונטערדריקטען קול, וועלכער וועט געפינען זיין אבקלאנג אין דעם געוויסען פון דער אינטערנאציאנאלער דעמאָקראטיע.

2.

דער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט זיך פראקלאמירען אלס דיא אידישע פערטרעטונג, וועט פארמולירען פאר דאס אידישע פאלק און דיא אויסערע וועלט דיא ווינשען און באגעהרונגען פון דעם אידישען פאלק און וועט אָנהויבען בעשאפען דיא אינסטיטוטען און אנשטאלטען פאר דעם היסטאָרישען ווידער־בוי פון דעם אידישען לעבען.

וואס זיינען דיא פאדערונגען פון דעם אידישען פאלק פאר דער נייער עפענטליכער מיינונג, פאר דעם דערוואכענדען געוויסען פון

דיא פעלקער? דיא ערשטע פאדערונג איז דיא בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פון אלע אידען אין אלע לענדער. דיא בערויבונג פון דיא פאליטישע רעכט פון אידען שטאמט פון דער מיטעלאלטערליכער בארבאריי און דעם קאמפף פון דיא רעאקציאנערע כחות געגען דיא פרייע און פראגרעסיווע אין דער מאדערנער צייט. געגען דיזע בירגערליכע רעכטלאזיגקייט פון אידען דארף דאס אידישע פאלק אויפהויבען דעם קול פון פראטעסט און דערוועקען דיא עפענטליכע מיינונג פון דער וועלט געגען דיזען אונרעכט. עס שטימט ניט מיט דעם גייסט פון דער צייט און דעם דעמאקראטישען כאראקטער פון דיא היינטיגע מלוכות, דאס א קליין פאלק פון א מינאריטעט זאל צוליעב זיין רעליגיאן, זיין ראסע, זיינע אייגענטימליכקייטען בערויבט ווערען פון דיא אלגעמיינע מענשענרעכט. דיא רעכטלאזיגקייט פון אידען איז א דונקעלער פלעק אויף דעם געוויסען פון דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט. פון דער טריבונע פון א אידישען קאנגרעס מוז זיך דערהערען דיא פראטעסטירענדע שטימע פון דעם אידישען פאלק און זיין אויפרוף צו דער מענשהייט.

אלע טענות פון דיא שונאים פון אידען און דיא וויסענשאפטליכע אנטיסעמיטען, דאס דיא אידען קענען אונטער גלייכבערעכטיגונג פארנעהמען דאס לאנד און ווערען א הערשענדער עלעמענט אין דער געזעלשאפט, זיינען ווערטלאז און אונבערעכטיגט. דער הבה נתחכמה פון דיא שונאים פון אידען איז א פערברעכערישע פערגעוואלטונג פון דער מאיאריטעט געגען דיא פרעמד־נאציאנאלע מינאריטעט, אוים ניעדערטרעכטיגען שרעק און קנאה פאר דער העכערער סאציאלער און קולטורעלער קוואליטעט פון דעם אידישען פאלק. דיא היינטיגע געזעלשאפט, וועלכע איז אויפגעבויט אויף אינדיווידועלע קאנקורענץ און אויף געגענזייטיגען קאמפף, האט ניט קיין רעכטליכע און מאראלישע בעגרינדונג פאר דיא בירגערליכע רעכטלאזיגקייט פון א פאלק, ווייל עס האט שטארקערע כחות און מעגליכקייטען אויף דעם פעלד פון אינדיווידועלער קאנקורענץ. געגען דיזען אונרעכט בנוגע צום אידישען פאלק, וועלכעס איז א

שפּאַט און געלעכטער פון דער גאַנצער קולטור, מוז דאַס אָרגאַני־זירטע אידישע פאָלק אויפהויבען זיין שטים און מוז מוטיג און זיכער פאָדערען פון אַלע דעמאָקראַטישע פעלקער אַזוי ווי אויך פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם אמת און גערעכטיגקייט.

דאַס אידישע פאָלק איז אָבער ניט נאָר אַ מחנה אידען, וועלכע האָט זיך נאָך ניט אויפגעלעזט אין דער אַרומיגער וועלט, עס איז אַ פאָלק מיט אַ נאַציאָנאַלען אַנבליק, מיט נאַציאָנאַלע אינטערעסען און טיעף פערבאָרגענע נאַציאָנאַלע האָפנונגען, וועלכע האָבען זייערע ווארצלען אין דיא נויטען פון לעבען און דיא היסטאָריש־קולטורעלע אוצרות פון דער נאַציאָן. דאָס אידישע פאָלק אין גלות וויל אָנ־האַלטען און ווייטער אויסבילדען זיין נאַציאָנאַלען לעבען, ווייטער וועקען זיין נאַציאָנאַלע ענערגיע, ווייטער ענטוויקלען זיין שעפּפע־רישען נאַציאָנאַלען גייסט. עס טרייבען דערצו דיא פאָרמען פון דעם געגענוואַרטיגען לעבען, אַקוראַט ווי אַלע בעהאַלטענע כחות פון פאָלק, וועלכע שאַפען און בעשטימען דיא צוקונפט. גראַד אין דער מאָדערנער צייט, ווען דיא פאָלקסמאַסען זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען דורך דעם סאָציאַליזם אין דאָס פּאָליטישע און קולטורע־לע לעבען און דער ציוניזם האָט אָנגעהויבען וועקען ביים אידישען פאָלק דעם העכסטען נאַציאָנאַלען ווילען, אין דער מאָדערנער צייט האָט זיך ביי אידען אָנגעהויבען צו שטאַרקען דער רצון צו ענט־וויקלען אייגענע נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען אין גלות. אומעדום איז אַרויסגעוואַקסען דאַס פערלאַנגען צו אָרגאַניזירען דיא אידישע געמיינדען אויף דעמאָקראַטישע יסודות, צו ענטוויקלען אַ פּראָגרע־סיווען נאַציאָנאַלען קולטור־לעבען אין פאָלק, איינצופיהרען העב־רעאיש און לערנען אידיש אין דיא שולען און דערהויבען זיי צו דער מדרגה פון קולטורעל־נאַציאָנאַלע שפּראַכען אין דער שולע און אין לעבען. גראַד צווישען דיא פאָלקסמאַסען און דעם פּראָלעטאַ־ריאַט איז בעזונדערס דערוואַכט געוואָרען דער באַגעהר נאָך אַ נאַ־ציאָנאַלען לעבען, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָדע־רונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פון דער מלוכה ביז צו דעם פונקט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

דיא ענטשיידונג וועגען דעם אינהאלט פון א אידישער נא־
ציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע אין גלות, וועגען איהר מעגליכ־
קייט אדער אונמעגליכקייט, דארף איבערגעלאזען ווערען דער צו־
קינפטיגער ענטוויקלונג. א געוויסער סכום פון נאציאנאלע רעכט
און פרייהייטען דארף אבער יעצט שוין גאראנטירט ווערען צו דיא
אידען פון רוסלאנד, פוילען, עסטרייך, רומעניען, דיא באלקאן־
לענדער, אומעדום וואו אידען פיהרען אן אייגענארטיגען נאציא־
נאלען לעבען. זיי דארפען האבען דאס רעכט און דיא מעגליכקייט
צו ארגאניזירען דיא אידישע געמיינדע אויף דעמאקראטישע
יסודות, און דיעזע געמיינדע דארף אפשר אויך בעקומען א צוואנגס־
כאראקטער, אזוי ווי דיא אידישע געמיינדע אין דייטשלאנד. דיא
אידישע געמיינדע וועט ארייננעהמען אין דעם קרייז פון איהר
ארבייט פערשיעדענע טעטיגקייטס־צווייגען, נאציאנאלע, קולטורע־
לע, סאציאל־פילאנטראפישע, אין וועלכע דיא אידישע בעפעלקע־
רונג נויטיגט זיך. קלובען, נאציאנאל־קולטורעלע פעראיינען צוליעב
פערברייטונג פון נאציאנאלער בילדונג, קראנקען־הייזער, אונטער־
שטיצונגס־אנשטאלטען, שטאדטישע קיכען, לייה־קאסען, קאאפע־
ראטיווע הייזער, ערציהונגס שולען א. ז. וו. דאס זיינען מעגליכע
טעטיגקייטען פאר אידישע געמיינדען לטובת פון דער ברייטער
פאלקסמאסע. דערצו מוזען אבער אידען האבען ברייטע נאציא־
נאלע רעכט, וועלכע זאלען זיי גאראנטירען דיא פרייהייט פון
שפראך און נאציאנאלע אייגענארטיגקייט און דיא מעגליכקייט צו
ארגאניזירען דיא געמיינדע.

אן אמעריקאנער־אידישער קאנגרעס האט נאך אן אנדער פא־
דערונג, וועלכע איז מעהר נוגע צו אמעריקא איידער אייראפא, און
דאס איז דיא פאדערונג פון פרייער איינוואנדערונג פאר אלע פעל־
קער און ממילא פאר אידען. פרייע איינוואנדערונג אין אמעריקא
איז א לעבענס־נויטווענדיגקייט פאר דאס אידישע פאלק, אפילו ווען
עס זאל בעקומען פאליטישע גלייכבערעכטיגונג אין אלע לענדער.
בפרט אבער ווען דער רוף פון אידען פאר בירגערליכע רעכט או־
מעדום איז דערוויל נאר א מאראלישער פראטעסט, א אויפרוף

צו דער מענשהייט, צו דעם געוויסען פון דיא פרייע פעלקער. נאך דעם קריעג, ווען עס קען זיך אנהויבען א נאציאנאלע אויפלעבונג און איבערבויאונג אין פוילען, רוסלאנד, עסטרייך, רומעניען, אויף דעם באלקאן, וועלען זיך נאך פארשארפען דיא געגענזעצען צווישען דיא פרעמדע סביבות און דיא אידען. דער עקאנאמישער און סאציאלער דרוק אויף אידען אין מזח־אייראפא, בעזונדערס דער באיקאט, וועלען ווערען א מעכטיגער וואפען אין דיא הענד פון דיא ארומיגע פעלקער געגען אידען. אפילו אויב אונטער דעם איינפלוס פון דיא דעמאקראטישע מלוכות און אונטער דער ווירקונג פון דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם זאל אין א געהויבענעם היסטארישען מאמענט פראקלאמירט ווערען דיא בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פון אידען, וועט אבער דער סאציאלער און עקאנאמישער געגענזאץ געגען זיי ניט פאלען, נאר פערקעהרט, שטייגען. דיא אויסוואנדערונג אין אמעריקא, וועלכע געהט יעצט אפילו אן פון פרייען גאליציען לפי ערך אין א גרעסערער פראפארציאן איידער פון דעספאטישען רוסלאנד, וועט געבער ווערען גרעסער איידער קלענער. יע, עס איז לייכט מעגליך, דאס דיא מאסען־אויסוואנדערונג וועט ווערען דיא איינציגע רעטונג פאר אידען, אויב דער גאנג פון דער געשיכטע וועט נעהמען אן אנדער ווענדונג, און דער נאציאנאלער קאמפף און געגענזאץ וועט ווייטער פלאקערן אין דיא מלוכות. דער אידישער קאנגרעס וועט מוזען אויפהויבען זיין קול פאר דיא פרייע איינוואנדערונג אין אמעריקא, אין נאמען פון דעם פרינציפ בכלל און אין נאמען פון דיא לעבענסנויטען פון דער אידישער וואנדערנדער פאלקסמאסע. דיעזער רוף פאר פרייע איינוואנדערונג איז אין גייסט פון דיא דעמאקראטישע פרינציפען און מלוכה־אידעען, אויף וועלכע דער אינטערנאציאנאלער פריעדענסקאנגרעס וועט זיך מוזען שטיצען אין אלע זיינע דיסקוסיאנען און בעטראכטונגען. פרייע איינוואנדערונג איז אבער אן אלטער פרינציפ פון אינטערנאציאנאלען סאציאליזם, א פרינציפ, וועלכער איז אבער אין דיא לעצטע יאהרען דורך פראקטישע ארבייטער־פאליטיק און נאכיאגען נאך פארלאמענטארישער מאכט און ארבייטער־שטימען אבגעשוואכט געווארען אין דעם אמעריקאנעם סאציאליזם.

דערפאר איז דאָס א דאָפּעלטע נויטווענדיגקייט און א דאָפּעלטער חוב זייטענס א אידישען קאָנגרעס ארויסצושטעלען דיא פאדערונג פון פרייער איינוואנדערונג.

עס בלייבט אבער נאָך דיא גרעסטע און היסטאָריש וויכטיגסטע פאדערונג, וועלכע א אידישער קאָנגרעס דאַרף מאכען פאר דער גאנצער וועלט און בעזונדערס פאר דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל, און דאס איז דיא בעגרינדונג פון א פרייער אידישער נאציאן אין ארץ ישראל. בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, נאציאָנאלע רעכט, פרייע איינוואנדערונג זיינען נויטיג פאר אידען, זאָלאנג דאס אידישע פאָלק איז אין גלות, זאָלאנג עס איז א צווייטע און צושפּרייטע נאציאָנאלע מינדערהייט צווישען פרעמדע און פיינדליכע פעלקער. דאס אידישע גלות־פאָלק דאַרף פאָדערען פרייהייט און גערעכטיגקייט פון דער וועלט. אָבער דיא גרעסטע היסטאָרישע שקלאפעריי און היסטאָרישע אונגערעכטיגקייט איז דער גלות זעלבסט. דער גלות איז דיא אורזאכע פון דער אייביגער אידישער נויט, פון דער אייביגער סתירה צווישען דער וועלט און דעם אידישען פאָלק, פון דעם אידישען פּראָבלעם, וועלכעס געפינט ניט קיין לעזונג אין דער וועלט. ווען עס זאָל אפילו געגעבען ווערען צו אידען רעכט און גערעכטיגקייט אין דער גאנצער וועלט, האָט דאָס אידישע פאָלק זיך דאָך ניט אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון א פרייען און זעלבסטשטענדיגען פאָלק און עס שטעהט דאָך אין זיין גאנצען לעבען ביי דעם אבגרונד פון אייביגע געגענזעצען און טראַגישע ווידערשפּרוכען. בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פאר אידען אין גלות זיינען נאָר מעגליך, ווען דיא אידישע נאציאָן זאָל האָבען אן אייגענע היים אין ארץ ישראל. דיא בעשאפונג פון א פרייער אידישער נאציאָן איז דיא גערעכטעסטע און פּראגרעסיווסטע לעזונג פון דער אידישער פראַגע, דיא לעזונג, וועלכע איז אין איינקלאנג מיט דעם דעמאָקראטישען און נאציאָנאלען פּרינציפּ אין דער געשיכטע און מיט דיא גרונדאידעען פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם.

עס זיינען אבער אויך פאראן אונמיטעלבארע סאציאל־עקאָנאָ־

מישע נויטען, אויף וועלכע א מאסען־קאָלאָניזאציאָן אין פּאַלעס־
טינא, סיריען, מעסאָפּאָטאמיען, איז א ענטפער און וואס דערפאר
מוז דיא מאסען קאָלאָניזאציאָן פון ארץ ישראל יעצט שוין ווערען
א וויכטיגער טייל פון דער אידישער רעאַלפּאָליטיק. דער נצחון
פון דער דעמאָקראטישער אידעע אין דער וועלט נאָך דער מלחמה
און דיא פערשטארקונג פון דעם אינטערנאציאָנאַלען סאָציאַליזם
קענען געבען דעם אידישען פאָלק אין דער וועלט א גרויסע מאָראַ־
לישע שטיץ, בשעת פאקטיש זאל זיך דיא לאגע פון אידען, וועלכע
הענגט אָב פון סאָציאַלער, נאציאָנאלער, עקאָנאָמישער און קולטור־
רעלער קאָנקורענץ נאָך פארשארפען. בעזונדערס אָבער ווען דיא
פרייע איינוואנדערונג אין אמעריקא זאל דאָך בעשרענקט ווערען
דורך פערשיעדענע סבות, אזוי דאָס דיא לעצטע עקאָנאָמישע הילף
פאר אידען וועט פערשווינדען. דיא מאסען־איינוואנדערונג און
קאָלאָניזאציאָן פון ארץ ישראל זיינען דערפאר ניט נאָר א פּאָלי־
טישער, סאָציאלער און נאציאָנאלער שטערן אויף דעם דונקלען הי־
מעל פון דער גלות־עקסיסטענץ, נאָר זיא קען אויך ווערען שוין
יעצט א גרויסע סאציאל־עקאָנאָמישע ערלעזונג און דערהויבונג
פאר דיא אידישע פאלקסמאסען.

וויא דיא וועלט־מלחמה זאָל זיך ניט ענדיגען, וועט זיך אונטער
אלע פעלען אָנהויבען אין מערב־אזיען אַן עפּאָכע פון פּאָליטישען
און עקאָנאָמישען פּראגרעס. אין פּאַלעסטינא, סיריען, מעסאָפּאָ־
טאמיען קענען זיך עפענען גרויסע קאָלאָניזאציאָנס־מעגליכקייטען
פאר מיליאָנען מענשען. יענע געגענדען פון מערב־אזיען קענען
ערנעהרען צעהנדליגע און צעהנדליגע מיליאָנען מענשען, ווען קאַ־
פּיטאל און ציוויליזאציאָן זאָלען דאָרט בעשאפען דיא נויטיגע פאר־
בעדינגונגען פאר איינוואנדערונג און קאָלאָניזאציאָן. שוין פאר
דער מלחמה, בשעת דאס לאנד איז נאָך געווען פּאָליטיש אונזיכער,
האָבען אָנגעהויבען איינצואוואנדערן אין דיא לעצטע יאָהרען אין
פּאַלעסטינא טויזענדע אידען פון פערשיעדענע קלאסען. עס איז
אָנגעגאנגען אין ארץ ישראל א פיעבערהאפטע קאָלאָניזאציאָנס
טעטיגקייט און קולטור־ארבייט, בשעת דיא פאָרבערייטונגען און
דיא אָרגאניזאציאָן פון אידען אין אלע לענדער צוליעב קאָלאָניזא־

ציאָן אין פּאַלעסטינאַ זיינען פאַריינס געשטיגען. נאָך דער מלחמה וואָלטען הונדערטער טויזענדע אידען אַ יאָהר געקענט איינ־וואנדערן אין פּאַלעסטינאַ און מעסאָפּאָטאַמיען, דארט איבערגעהן צו פּראָדוקטיווער ארבייט, דארט בעשאַפען סאָציאַל העכערע קאָאָ־פּעראַטיווע פאַרמען פון לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע און דערוועקען אַן אָריגינעלע שעפּפערישע אידישע קולטור. ניט נאָר אין פערבינדונג מיט דער אידעע פון אַ זעלבסטשטענדיגער אידי־שער נאַציאָן נאָר פון שטאַנדפּונקט פון דיא מאַטעריעלע און גייס־טיגע אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק אין דער געגענוואַרט שוין, האָט אַזאַ מאַסען־קאָלאָניזאַציאָן פון אידען אין פּאַלעסטינאַ דעם העכסטען סאָציאַלען ווערט. אַ אידישער קאָנגרעס וועט דער־פאַר מוזען פּראָקלאַמירען דיא פאָדערונג פון דעם אידישען פאָלק אויף אַ היים אין ארץ ישראל. און אפשר וועט דוקא דיעזע פאָדע־רונג פון דעם אידישען קאָנגרעס, וועלכע וויל פערמיידען דיא געגענ־זעצען און סתירות צווישען אידען און דער ארומיגער וועלט און געבען דער אידישער געשיכטע אַ נייע ווענדונג, אפשר וועט דיעזע פאָדערונג געפינען דעם אויפריכטיגסטען און טיעפסטען אָבקלאַנג ביי דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענשהייט.

אַ קאָנגרעס פון דיא אַמעריקאַנער אידען, ווארום דערהוייל קען זיך נאָר האַנדלען וועגען אַזאַ קאָנגרעס, וועט אַלזאָ פאָרמולירען דיא פערשיעדענע אידישע נויטען, וועט ארויסשטעלען דיא פאָדע־רונגען פון דעם אידישען פאָלק פאַר דער גאַנצער וועלט און אַפּע־לירען צו דעם געוויסען פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע און דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען גלות וועט דערקלינגען דער צאָרניגער און מוטיגער קול פון דעם אונטערדריקטען אידישען פאָלק אין דער וועלט. אויב אַ נייער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט, פרייהייט, פריעדען, נאַציאָנאַלער אונאַבהענגיגקייט און דעמאָקראַטיע ווערט פּראָקלאַמירט אין דער וועלט, דאַן מוז דיעזער פּרינציפּ זיין אַן אַלגעמיינער, אַ אוניווערסעלער, מוז ער אָנגעווענדעט ווערען אויף אַלעס, וואָס טראָגט דעם עבענבילד פון אַ אונטערדריקטען פאָלק אין דער געשיכטע. אויב דער נייער פּרינציפּ פון בעפרייאונג און

גערעכטיגקייט וועט אויסלאזען דאס מערקווירדיגע אידישע פאלק, וועט איהם ניט געבען קיין גערעכטיגקייט אין דער וועלט, דאן האט זיך דיא וועלט ניט בענייט און האט זיך ניט אויסגעלייטערט מאָ־ראליש אין דיא ימים פון בלוט און דיא פלאמען פון פייער, וועלכע האבען זיך אויסגעגאסען אויף דער ערד. ליגען און עגאאיסטישע פאלשקייט וואלט דאן געווען דיא אייראפעאישע דעמאָקראטיע, דער סאָציאליסטישער אינטערנאציאָנאל, דיא ווערטער פון בע־פרייאונג און גערעכטיגקייט אין דער וועלט, ווען דעם אידישען פאָלק וועט ניט געבראכט קיין בעפרייאונג און ניט געגעבען קיין גערעכטיגקייט. דאס אנצוזאגען דער וועלט און ארויסצופאדערען דיא מענשהייט צו א תשובה פאר דיא טויזענדפאכע נויט און דאס לייד פון דעם אלטען פאלק ישראל, אט דאָס איז דער זין און דער ווערטה פון א אידישען קאָנגרעס אלס א גרויסע אידישע דעמאָנ־סטראציאָן פאר דער גאנצער מענשהייט.

3.

א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא קען ווערען דער גרונדשטיין פאר א שפעטערדיגען אלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, פאר א שטענדיגער אידישער פערטרעטערשאפט, וועלכע זאָל אָנפיהרען און לייטען אלע אידישע נאציאנאלע אנגעלעגענהייטען. דיא אידישע פראגע שטעהט ניט פאר דעם סוף פון איהר לעזונג, נאָר פאר דעם אָנהויב, און דיא מאטעריעלע און גייסטיגע נויטען פון פאָלקסלעבען וויקלען זיך אלץ מעהר פאנאדער און פאָדערן ענטפער און הילף. פערטרעטען דאָס אידישע פאָלק, רעדען אין זיין נאָמען, פיהרען זיין פאָליטיק, אָרגאניזירען עס, דערהויבען עס, בעפרייען און איבער־בויען זיין גאנצעס לעבען, קען ניט א זעלבסטגעקרוינטע גרופע פון שתדלנים, א פארטיי, א שטרעמונג, אן אָרגאניזאציאָן, נאָר דאָס ארגאניזירטע פאָלק זעלבסט דורך זיינע דעמאָקראטיש אויסגעקלי־בענע פערטרעטער און זיינע פון פאָלק קאָנטראָלירטע אנשטאלטען און אינסטיטוטען.

דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט בעווייזען, אויב דער אידישער שיקזאל קען ווירקליך שוין אנפערטרויט ווערען

דעם אידישען פאָלק גופא. דער אידשער סנהדרין, וועלכען נאפּאָ־לעאן האט צונויפגערופען מיט הונדערט יאָהר צוריק, האָט פערלייקענט דיא אידישע נאציאָן און האָט פארדעקט מיט שאנדע דיא אידישע געשיכטע. אין יענעם אידישען קאָנגרעס האָט גובר געווען דער קלאסען־אינטערעס פון דער אידישער אסימילאציאָנס־בורזשואזיע פון מערב־אייראפא, וועלכע האָט פארביטען דיא אידעאלען פון דער אידישער נאציאָן און דיא גייסטיג־מאָראלישע ווערטען פון יודענטום אויף דעם טאָפּ לינזען פון פּאָליטיש־בורזשואזנער גלייכבערעכטיגונג. דער אידיש־אמעריקאנישער קאָנגרעס וועט ערשט דארפען אָבגעבען דיא פּראָבע, אויב אַן אלוועלטליכע אידישע אָרגאניזאציאָן יעצט קען אָנפיהרען דאס אידישע פאלק און דערפיהרען דיא אידישע געשיכטע צו איהר העכסטען גלאנץ. דיעזע פּראבע וועט זיין דיא שטעלונג פון דעם קאָנגרעס צו ארץ ישראל, צו דער נאציאָנאלער ווידעראויפלעבונג פון אידישען פאָלק. וואָרום אזוי וויא דער מאָראלישער ווערט פון דעם איינצעלנעם איד ליעגט אין זיין טרייקייט צו זיין פאלק און אין דעם מוט פון זיין אייגענער אינדיווידואליטעט, אזוי קענען דער סאציאלער ווערט און דיא לעבענספעהיגקייט פון יעדער אידישער שטרעמונג און ארגאניזאציאָן געמאָסטען ווערען נאָר נאָך דער קראפט און דער אויפריכטיגקייט, מיט וועלכער זי האָפט און באגעהרט א נייע אידישע צוקונפט.

עס איז דערפאר אונמעגליך, דאָס א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא, וועלכער וועט זיך צונויפקומען אין יעצטיגען אויגענבליק דורך דעמאָקראטישע וואהלען, וועט ניט שטעהן אויף זיין הויכקייט בנוגע צו דעם אידישען פּראבלעם. זאבאלד דער אידישער קאָנגרעס וועט פּראקלאמירען זיין ווילען צו קריגען א היים פאר'ן אידישען פאָלק אין ארץ ישראל, וועט ער דערמיט שוין ווערען דער ערשטער גרונד־שטיין פאר דיא ארגאניזירונג פון דער גאנצער אידישער נאציאָן.

דער קאָנגרעס דארף צונויפגערופען ווערען אויף דעם יסוד פון פרייע דעמאָקראטישע וואהלען. אין יעדער שטאָדט פון אמעריקא דארפען זיך ארגאניזירען קאָנגרעס־קאָמיטעטען, וועלכע זאָלען דורכפיהרען דיא וואהלען און בעשאפען דערוויילי דיא מיטעל פאר

דיא אָרגאניזאציאָן. א בעשטימטע צאהל איינוואהנער זאָלען שי־ קען איין פערטרעטער צום קאָנגרעס, א חוץ דעם זאָלען דיא פער־ שיעדענע נאציאָנאַלע ארגאניזאציאָנען קענען שיקען פערטרעטער צום קאָנגרעס. דיא וואהלען זאָלען אומעדום דורכגעפיהרט ווערען אין איין צייט, א מאָנאט פאר דער פערזאמלונג פון קאָנגרעס.

נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס וועט פעסטשטעלען דיא גרונד־ יסודות פון דער אידישער נאציאנאלער פאָליטיק, וועט פראקלאמי־ רען דיא פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק פאר דער וועלט, און וועט געפינען אויך דיא מיטלען און וועגען, ווי דיא שטימע פון אי־ דישען פאלק זאָל דערגרייכען דאס געוויסען פון דער מענשהייט, וועט ער קענען אויך איבערגעהן צו דער קאָנסטרוקטיווער ארבייט אינערהאלב פון דעם אידישען פאָלק. דער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא קען אויך בעשטימען דעם ארט און דיא צייט פון א קומענדען אלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, וועלכער וועט מוזען צונויפגערופען ווערען ביי דער ערשטער גינסטיגער געלעגענ־ הייט באלד נאָך דער וועלט־מלחמה.

אין דיא וואהלען צום אידישען קאָנגרעס וועלען מעגליך ניט אנטייל נעהמען אלע אידען פון אמעריקא, אזוי ווי אין דיא וואהלען פון אלע פארלאמענטען נעהמען ניט אנטייל אלע בירגער פון א לאנד. פיעלע גרופען פון אידען וועלען אפשר בעוואוסטזיניג זיין נעגען אזא קאָנגרעס, ווייל זיי וועלען פיהלען דיא מאכט פון דיעזער אָרגאניזאציאָן און דיא מאָראלישע התחיבות פון דעם גאנצען פאָלק מקים צו זיין דיא בעשליסען פון דעם קאָנגרעס. דיא אידישע אסי־ מילירטע בורזשואזיע און אלע איהרע אבהענגיגע נאָכלויפער קען זיך שטעלען נעגען א אידישען קאָנגרעס. דיא אידישע גרויסע בורזשואזיע איז אסימילאטאָריש, דערשראקען, אנטינאציאָנאל, זי שטערט דיא אידישע בעפרייאונג, זי שתדלנט, נוצט אוים דיא גע־ פאלענקייט פון אידישען פאלק פאר זיך זעלבסט, און ליעגט שטענ־ דיג ווי א שטיין אויף דעם וועג פון דעם אידישען פאָלק דורך איהר טעטיגקייט אזוי ווי דורך איהר שטערונג. א אידישער וועלט קאָנגרעס, וועלכער וועט פערטרעטען דיא ארגאניזירטע אידישע נאציאָן, ברייננט דיא אידישע גרויס בורזשואזיע אין א ווידער־

שפּרוך צווישען איהר פּריווילעגירטער שטעלונג און איהר אידי־
שער פרעמדקייט. דיא פאלשקייט און דיא אונמעגליכקייט פון
איהר פאטריאטיזם מיט וועלכען זי פערענטפערט איהר קאפיטא־
ליזם אויף דעם גוישען חשבון, וועלען דורך א אידישע נאציאנאלע
וועלט־ארגאניזאציאָן ארויסטרעטען נאך שארפער און דייטליכער,
איידער דורך דיא גאנצע ציוניסטישע און נאציאנאלע אגיטאציאָן.

פון קלאסען־ענגאַאיזם און מאטעריאליזם וועט דיא גרויסע אי־
דישע בורזשואזיע אויפטרעטען געגען א אידישען קאָנגרעס ; פון
טעמפּקייט און עם־הארצות קענען אפשר בעשטימטע טיילען פון
אידישען ארבייטער קלאס זיך אויף ערקלערען געגען דעם אידישען
קאָנגרעס. דער טראגי־קאָמיזם דערביי איז, וואָס דיעזע אָבגעשטאַ־
נענע טיילען פון פראלעטאריאט וועלען זיך בערופען אויף דעם
סאציאליזם. גרויסע טיילען אידישען ארבייטער קלאס זיינען
באמת נאך גארניט אריינגעצויגען געווארען אין דעם שטראם פון
דעם סאציאליסטיש־רעוואלוציאנערען געדאנקען און זיינען געבלי־
בען ניט אָנגעריהרט פון קולטור בכלל. דיעזע מאסען האָבען אבער
אין דער עפּאָכע פון דער בורזשואזנער אסימילאציאָן אויפגעכאפּט
איינינע אויבערפלעכליכע געדאנקען וועגען דער פערשווינדונג פון
דער אידישער נאציאָן און דער ווערטלאָזיגקייט פון דער אידישער
געשיכטע און קולטור, און אָט דיעזע בורזשואזנע געדאנקען זיינען
געוואָרען ביי זיי דער יסוד פון זייער סאציאליזם. זיי האָבען אראב־
געווארפען פון זיך יעדע העכערע פעראנטווארטליכקייט פאר דעם
שיקזאל פון אידישען פאָלק, און זיינען פריי געוואָרען פון דער
ערנסטקייט און גייסטיג־מאָראלישער איידעלקייט, צו וועלכער דיא
טרייע צוגעהעריגקייט צו דעם אלטען קולטור־פאלק ישראל איז
מחיב דעם איד. דאס האָט גאנץ מיטגעשטימט מיט דער קולטורע־
לער געפאלענקייט און גייסטיגער אבגעשטאנענקייט פון גרויסע
טיילען פון דער אידיש שפרעכענדער פאלקסמאסע. בשעת אן
דיעזע אונגליקליכע מאסע האָבען זיך אָנגעהענגט דיא פסולת פון
דער אידישער אסימילאטאָרישער אינטעליגענץ, דאמאָלס איז ענט־
שטאנען דער בעוואוסטזיניגער אסימילאטאָרישער סאָציאליזם. פון
דער זייט פון דיעזע אסימילאטאָרישע כלומרשטע סאציאליסטען

קען זיין א געגנערשאפט געגען דיא ארגאניזירונג און אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאן.

אבערביידע שונאים פון דעם אידישען פאלק האבען שוין לענגסט פערלארען יעדען מאראלישען ווערט צווישען אידען. דאס אידישע פאלק האט זיך שוין לאנג אבגעווענדעט פון זיי. אין דיא לעצטע צוואנציג יאהר פון אידישער פאלקס־פאליטיק, פון ציוניזם, טעריטאריאליזם, נאציאנאליזם, פון דיא פראלעטארישע בעוועגונגען איז דאס פאלק געגאנגען להיפך צו דעם ווילען און דעם איינפלוס פון דער אידישער גרויס בורזשואזיע. דיא אידישע גרויסבורזשואזיע האט שוין לענגסט פערלארען איהר אמאליגע פיהרענדיז שטעלונג צווישען אידען, און באלד וועט זיא אפשר גאר אריינקומען אין דיא סכנה, צו ווערען אן אבגעשיעדענער און איזאלירטער קלאס ביי אידען אקוראט ווי ביי גוים. דער פאלשער אסימילאטארישער סאציאליזם האט זיך פאר דיא פיעלע יאהרען פון זיין עקזיסטענץ ארויסגעוויעזען אין זיין גאנצער פארדארבליכער פארב, אלץ מעהר און מעהר ווענדען זיך אב פון דער אסימילאטארישע אידעאלאגיע דיא אידישע ארבייטער מאסע און דיא בעסערע אידישע סאציאליסטישע אינטעליגענץ. דיעזער אסימילאטארישער סאציאליזם פערליערט אלץ מעהר און מעהר זיין קראפט איבער דעם אידישען פראלעטאריאט און דער פאלקסמאסע, און שוין עפענט זיך א טיעפער אבגרונד צווישען איהם און דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם בכלל, וועלכען ער האט ביז יעצט גענארט און פאר וועלכען ער האט פארלוימדעט דיא אידישע פרייהייט בעוועגונג.

א אידישער קאנגרעס קען צונויפקומען זיך און בעקומען דעם ווערט פון א נאציאנאלער ארגאניזאציאן, ווען אפילו געוויסע דעמאראליזירטע עלעמענטען פון דער אסימילאציאן זאלען זיין גלייכגילטיג און געגנעריש. דער קאנגרעס וועט קענען פיהרען צו אן ארגאניזירטע אידישע נאציאן און זיינע בעשליסען וועלען האבען א מאראליש צווינגענדען כאראקטער פאר אלע אידען. דיא מעהרהייט פון דעם אמעריקאנער יודענטום וועט זיך אנשליעסען מיט ענטוזיאזם אן דיעזען קאנגרעס. דיא אויפריכטיגע אידישע סא־

ציאַליסטען און גרויסע טיילען פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, דיא ברייטע אידישע פאָלקסמאַסע, דיא בעסערע אינטעליגענץ, דיא נאַציאָנאַל־געשטימטע טיילען פון דער אידישער בורזשואַזיע וועלען שיקען זייערע פערטרעטער צו דעם ערשטען אמעריקאַניש־אידישען קאָנגרעס, אונטער דער אויפריכטיגער בעגייסטערונג און האָפנונג פון דער גאַנצער אידישער וועלט.

דער אַלוועלטליכער אידישער קאָנגרעס, צו וועלכען דער אמע־ריקאַניש־אידישער קאָנגרעס קאָן זיין אַ פאָרבערייטונג, וועט אי־בערנעהמען דיא אידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין זיינע הענד. פון דער שטאַרקייט און קלאָרקייט פון זיין נאַציאָנאַל־אידישע פּאָ־ליטיק וועט עס אָבהיינגען, וועז און וויא דיא ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציאָן מיט איהרע אינסטיטוטען זאָל ווערען אַ טייל אָדער אַ פיהְ־רענדער פליגעל פון דער נאַציאָנאַלער פערטרעטערשאַפט. די נאַציאָ־נאַלע פערטרעטערשאַפט וועט קענען בעשאַפען דיא פינאַנץ־אינסטי־טוטען פאַר דיא ערלייכטערונג און רעגולירונג פון דער אידישער וואַנדערונג, פאַר ארץ־ישראל און דיא פערשיעדענע קולטור־בע־דירפניסען און נאַציאָנאַלע ערציהונג. עס וואָלט געווען איבריג דאָ אויפצוצעהלען אַלע פערספּעקטיווען און מעגליכקייטען פון דער אידישער פערטרעטערשאַפט. דיא אידישע נאַציאָן און אַלעס, וואָס איז שייך צו דער אידישען נאַציאָן, זיינען דיא לעבעדיגע פּראָבלעמען פון דער אידישער פערטרעטערשאַפט.

עס וואָלט געמאַכט געוואָרען אַן ענדע צו דעם חאָאָטישען צו־שטאַנד אין וועלכען דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך, און וואָס דאָס איז די ערשטע אורזאכע פון זיין טיעפער געפאַלענקייט. דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך בויגען אונטער דיא בעשליסען פון דיא פערטרעטער, וועלכע זאָלען זיין דיא פרייע בעשליסען פון פאָלק גופא. אַלע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען און אינסטיטוטען, וועלכע האָבען ביז יעצט געפיהרט דיא אידישע פּאָליטיק אונפעראַנטוואָרטליך אויף זייער אייגענעם חשבון און לויט דעם קאַפּריז פון דיא רייכע בעלי־טובות, ווי דיא יק"א, דיא אַליאַנס איזראַעליט, דיא אמעריקען דזשואיש קאָמיטע, דיא וויענער איזראַעליטישע אַליאַנץ א. ז. וו., אָט דיעזע אַלע אָרגאַניזאַציאָנען צוזמען מיט זייערע פינאַנץ־

אינסטיטוטען וועלען זיך מוזען שטעלען אונטער דער אויפזיכט און דעם קאָנטראָל פון דעם ארגאניזירטען פאלק, ווען זיי וועלען ניט וועלען פאנאנדערריסען דעם בונד מיט דער אידישער נאציאָן. פון דער אנדער זייט וועט אונמעגליך ווערען יענע הפקרות און שווינדעל, דאָס דער אבפאל פון דער אסימילאציאנס־אינטעליגענץ, וועלכער קען ניט געפינען ביי גוים קיין אָרט, זאָל קענען אויפמאלען דאָס אידישע פאָלק און דעם אידישען פראלעטאריאט פאר דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאָנאל אלס א פאָלק אָהן כבוד, אָהן קולטור, אָהן לעבענסווילען, וואָס דיא פאראזיטישע אסימילאציאָן און גלות־עקזיסטענץ איז זיין איינציגער היסטאָרישער אידעאל.

דער אידישער קאָנגרעס אלס איינלייטונג צו א שטענדיגער אידישער פערטרעטערשאפט איז דיא לאָגישע ענטוויקלונג פון דער גאנצער אידישער נאציאָנאלער בעוועגונג פאר דיא לעצטע דרייסיג יאָהר. אין רוהיגערע צייטען וואלט זיכער דיא אידישע רענעסאנס־בעוועגונג פון זעלבסט דערגאנגען צו דער אידעע און דער נויטווענדיגקייט פון אן אלוועלטליכער אידישער אָרגאניזאציאָן. אין ציוניזם און נאָך מעהר שפעטער אין טעריטאָריאליזם איז שוין געלעגען בעהאלטען דער געדאנקען פון אן אלוועלטליכער אידישער אָרגאניזאציאָן. אונטער דעם דרוק פון דער בלוטיגער נויט איז דיעזע אידישע אלוועלטליכע ארגאניזאציאָן געוואָרען יעצט אונפערמיידליך. דאָס אידישע פאלק מוז געפינען דעם וועג צו זיין נאציאנאלען אחדות. פון מענשליכען שטויב דארפען מיר ווערען יעצט א פעראייניגטע נאציאָן. א פרייעס, פעראייניגטעס פאָלק, וועלכעס זאָל האָבען דיא גבורה צו אן ערלעזענדער טהאט. אין שטורם און פייער ווערט געבארען דיעזעס פעראייניגטע אידישע פאלק, אין עם ווערט צוזאמענגעהעפטעט דורך דאס פערגאסענע בלוט פון אונזערע ברידער און קינדער אויף אלע שלאכטפעלדער פון דער ערדקוגעל. אין דער איינינקייט ליעגט אונזער מאכט. פון דעם פעראייניגטען געדאנקען צו דעם פעראייניגטען רצון און דער פעראייניגטער טהאט!